און דערנאָך — נישט געפרעגט מער. בלויז שטום געגאַפט
צו מויערן־שפּיצן, וואָס האָבן געשניטן
דעם רוים מיט אַ שוואַרצקייט אַ קלאָרער אַזאַ,
אַז כ'האָב זיך פּלוצלונג דערזען אין מיטן
דעם וואַרשטאַט פון גאָט.

נישט געזען נאָך אַ שוואַרצקייט אַזאַ־מין קלאָרע,
אַ וואָר אַזאַ וואָרע,
אַזאַ ערב נאַכט.
כ'בין געווען אין דער טראַכט,
וואָס האָט אַלץ געהאַט,
אין דעם רו־לאַנד פון גאָט.

און ס'איז געווען אין מיר אַ קול
אַזוי צו זאָגן: אין אָט דער טראַכט
געפינט זיך דיין פאָלק, וואָס איז פאַרשוואונדן
פון אונטערשטן טאָג און פון ערדישער נאַכט —
דיין גאַנץ פאָלק איז אין גאָט.

ס'ווערט דיין פאָלק נישט געקוילעט מער פאַר זיין טיר,
זיין פאַרשלאָסענער טיר. ניין, עס איז שוין אין א י ם ,
ס'איז צוריק אין אים שוין, אין אלהים,
און עס באַפעלט מיט אַ גוואַלדיקער שטים
פון אים צו אים אַ גוואַלדיק באַפעל,
אַ באַפעל צו גאָט.

און אַזוי איז צו גאָט דער באַפעל פון דיין פאָלק:
מיט אונדז אַלע אין זיך, אַ גאַנץ פאָלק אין דיין שויס,
מיט ישראל אין זיך, אַלט און יונג, קליין און גרויס,
שפּאַר אַרויס, פלייץ אַרויס,
זאָג אַ נייעם יהי־אור —
ניי־ישראל אַנטפּלעק, נייעם בראשית געבויר!

1945

## דו ביזט דאָ

ווען כ'זע, ווי נאָך מיין פאָלק'ס פאַרטיליקונג דורך גאַז
לאַכט זון און ס'שפּילן קינדער אויף דער גאַס
און גאָרנישט איז געענדערט אין דעם גאַנג
פון מענטש — דעם וויסטן שפּראָץ פון חוה'ן און דער שלאַנג,
ווילט זיך מיר לייקענען און זאָגן: ביזט נישטאָ!

ביזט נאָר די גראַנדיעזע היפּאָטעזע
פון מיין אומגעבראַכטער גזע,
אַ חלום פון אַ תהילים־פּאָלק, וואָס איז
פאַרברענט געוואָרן מיט'ן פאָלק צוזאַמען.

נאָר טראַכט איך טיפער פון מיין אומה'ס לעצטע פּיינען,
וואָס אַלע גיהנום־פלאַמען זיינען קעגן זיי
צעגייענדיקער שניי,
הער איך, ווי די פּיינען גופא שרייען,
אַז דו ביזט דאָ.
ווען ס'וואָלטן קיין יסורים נישט געווען אַזעלכע —
וואָלסטו געקאָנט נישט זיין. נאָר וויל עס זיינען
פאַראַן אַזעלכע, אָ, אַזעלכע פּיינען —
ביזטו פאַראַן אַזוי געוויס ווי ס'איז
געוויס מיין בראָד. אַזעלכע לײַדן אָן אַ גאָט
וואָלטן געווען אַזאַ מין הפקר'דיק געשפּעט,
אַזאַ מין תוהו'דיקער אָפּפרעג פון דעם עיקר,
אַז ס'וואָלט פון צופיל אומזין דער פּלאַנעט
זיך שוין לאַנג אַ וואַקל־געטאָן שיכור —
און צעפלויגן זיך אויף שטיקער.

1946

## צלם אלהים

ווען איך באַקלער, וואָס מענטשן, ברואים פון מיין מין,
האָבן געטאָן צו די מיליאָנען פון מיין אַלטן שטאַם,
ווי עפּעס אַ דייטש־קין מיט אַ פּרצוף פון אַ שפּין
האָט מיט איין שאָקל פון אַ פינגער דיך פאַרמשפּט
אויפן פלאַם, —
עסט מיך די חרפּה, וואָס כ'געהער צום נחש'ס זין,
חוה'ס ממזרים (ס'קאָכט אין זיי דער סם
פון טאַטן זייערן), און כ'שעלט דעם פּרו־ורבו.

נאָר ווען איך גיב אַ טראַכט, אַז דו, אויך דו,
פרוי־געוואָרענע תפארת פון אַ כרוב,
ביסט מענטש געווען, געהאַט אַ מענטשנס גוף, —
גיט פון דיין אָנדענק אַזאַ ליכט צו מיר אַ שווים,
אַז כ'הויב ווי קינדער טיף פאַרוואונדערט אָן צו גאַפן,
און ווידער זע איך אויפן מענטש דעם צלם־אלהים,
און כ'מורמל שטיל צו זיך: ויברא אלהים
את האדם — אין זיין פורעם האָט ער אים באַשאַפן.

1948